# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

**וכל העוסקים בצרכי צבור באמונה הקב"ה ישלם שכרם**
ידידנו הנאמן, עסקן נמרץ למען זכות קיום אבותינו
הר"ר **ליפא פריעדמאן** הי"ו
העומד בראש התיקון הביה"ח בעיר סטראניאן
שזכה לרכוש זכות נצחי בבואו בעזרת ה' מדי יום ביומו להקל ההוצאות של **אבותינו**
**ובחדא מחתא מברכים אותו ואת ב"ב שיחי' בברכת מזלא טבא לרגלי הולדת בנו שיחי' – והצלחה בכ"ע**

## מסיבה מפוארה לטובת ת"ת "נחלת אבות-בודאפעסט" פארגעקומען מיט איבעראשענדע הצלחה און סייעתא דשמיא

מיט די באטייליגונג פון א געקליבענע צאל בעה"ב נכבדים ידידי "אבותינו" - פייערדיגע דרשות געהערט געווארן פון הרבנים הגאונים שליט"א

**משא המעמד: הגה"צ אב"ד הומנא שליט"א – דבר המוסד: הרה"ג אבד"ק בראד שליט"א**

דעם פארגאנגענעם זונטאג פרשת בשלח איז פארגעקומען א זעלטן שיינע מסיבה, לטובת די הצלה פון דעם הייליגן מוסד, וואס צוליב דעם שווערן פינאנציעלן מצב איז די עקזיסטענץ פון די ת"ת ממש אין א סכנה ח"ו. די מסיבה איז פארופען געווארן דורך א גאר נאנטן ידיד, הרבני התורני המפורסם בלבו הטוב הרב **מרדכי בערקאוויטש** שליט"א, אין שטוב פון זיין חשוב'ע שוויגער מרת קארן תחי'.

"**נחלת אבות**" איז די איינציגסטע חרדי'שע ת"ת און בודאפעסט, צווישן די טייערע קינדערלעך ציילט זיך אויך די בנים היקרים פון די געטרייע שליחים פון אבותינו", וועלכע זענען עוסק בהצלת קברי אבותינו איבער מזרח אייראפא מיט מסירות נפש ממש עד להפליא.

צו די באנקעט זענען ספעציעל געלאדענט געווארן געקליבענע ידידים פון "אבותינו" וואס האבן שוין געהאט די זכיה מיטצוארבעטן אינאיינעם אפצוראטעווען קברי אבותיהם – ה"ה:



הרה"ג ר' **יוסף צבי הכהן פערל** שליט"א - קליינווארדיין, מו"ה **אברהם קויפמאן** הי"ו ע"י בנו מו"ה **חיים** הי"ו - בערבעשט, מו"ה **זאב פנחס נוסענצווייג** הי"ו - מאד, דאברע, יארע ועוד, **אחים הח' הערצאג** ע"י מו"ה **יוחנן** הי"ו - ווערבוי, פעיזינג (חדש), מו"ה **יושע בירך ווינער** הי"ו ובנו מו"ה **צבי** הי"ו - נירמאדע, מו"ה **יודא שארף** הי"ו - האסאמעזעי, מו"ה **יעקב צדוק שאהנבערגער** הי"ו ע"י בנו מו"ה **הערשל** הי"ו - סטרעקאוו, מו"ה **חיים צבי שאהן** הי"ו - גרויסווארדיין, דערעטשקע, הידאלמאש, **אחים הח' ווינשטאק** ע"י מו"ה **יצחק זאב** הי"ו - ש. פאטאק, נ. טאראני, מו"ה **יוסף** ואחיו מו"ה **אליעזר אויש** הי"ו - פאקש, מו"ה **ישראל יעקב הירש** הי"ו - פיער, יארע ועוד, מו"ה **פייבל האפמאן** הי"ו - טשארנא, מו"ה **שאול נח פריעדמאן** הי"ו - לאגמיץ, מו"ה **מרדכי פריעדמאן** הי"ו - גרויסווארדיין, ידידיו וקרוביו הנאמנים של **הרב מרדכי בערקאוויטש שליט"א** - מו"ה **שמואל שטערן** הי"ו - ומו"ה **מאיר ווייס** הי"ו - מו"ה **וואלף קארן** הי"ו -סאלאסענד, גיבארט, קארלאט.

די התרגשות פונעם מעמד איז געקומען צום קלימאקס הערענדיג די פלאם-פייערדיגע דיבורים בטוב טעם פון הרבנים הגאונים שליט"א, קודם האט אויפגעטרעטן מיט א גאר אינהאלטסרייכע דרשה היוצאים מן הלב, הגה"צ **רבי נח אייזיק אהלבוים שליט"א -אבד"ק הומנא**, און האט בנועם שפתיו עלעקטרעזירט די פארזאמעלטע איבער די גרויסע זכי' צו זיין א שותף אין דעם הייליגן מוסד בכלל, **ובפרט איבער די גרויסקייט פון אפקויפן דעם זכות פון פרנס החודש**. דער חשובער הומנא'ר רב שליט"א איז א נאנטער ידיד המוסד זייענדיג עומד בראש ארום דעם תיקון הביה"ח בעיר הומנא.

דערנאך האט אויפגעטרעטן מיט רייכע דיבורים הרב הגאון **רבי יקותיאל יצחק שווארץ שליט"א - אבד"ק בראד**, אלס א בארימטער פה מפיק מרגליות, האט דער חשוב'ער בראד'ער רב ארויסגעברענגט בשבח פון די הייליגע ארבעט וואס "אבותינו" טוט אויף גאר א באשיידענעם אופן, און די זכיות נשגבות עוסק צו זיין אין אט די מצוה. דער חשובער רב שליט"א איז כסדר אין נאנטע פארבינדונג מיט די געטרייע עסקנים, זייענדיג עומד בראש ארום מערערע תיקוני הביה"ח מקום מנוחת אבותיו הק'.

אויך איז געהערט געווארן ווארימע דרשות דורך הרה"ג המפורסם ר' **יוסף צבי הכהן פערל** שליט"א און הרבני הנכבד מו"ה **שאול נח פריעדמאן** הי"ו, ווי זיי האבן מיט פיל התעוררות ארויסגעברענגט די רגשי הלב פון אלע פארזאמעלטע, איבער די זעלטענע זכי' צו זיין א שותף אין די פעולות נשגבות דורך אבותינו.

**בסייעתא דשמיא איז תיכף אויפן פלאץ מסודר געווארן עטליכע פרנסי החודש וואס האבן בחפץ לבב זוכה געווען אפצוקויפן די חודש'ליכע זכותים פון די תלמוד תורה.**



**די געטרייע חברי הנהלת הת"ת – מו"ה מרדכי גאלד הי"ו, מו"ה זאב וואלטער הי"ו און מו"ה וואלף לאנדא הי"ו, זענען עוסק אין די יעצטיגע טעג מסדר צו זיין מיט די חשוב'ע נדבנים די פארבליבענע חדשים, כדי די הרבצת התורה זאל אנגיין ווייטער בעזהשי"ת. די זכות לימוד התורה וקיום המצות פון די טייערע תשב"ר שיחיו וועט זיכער משפיע זיין להתברך בכט"ס.**

צו ערהאלטן די דרשות (CD) פון די מסיבה, ביטע זיך מעלדן צו:
Nachlas Avos, 616 Bedford Ave. #2-B, Brooklyn, NY 11211 - Email: hfpjc@thejnet.com

## טיילוויזע ליסטע פון די פרנסי החודש

**שבט**
הרה"ח ר' **זאב פנחס נוסענצווייג** הי"ו

**ניסן**
הרה"ח ר' **מאיר ווייס** הי"ו

**אייר**
הרב **מרדכי בערקאוויטש** שליט"א
ומשפחת הח' **קארן** הי"ו

**סיון**
הרה"ג אבד"ק **בראד** שליט"א

**תמוז**
אחים הח' **ווינשטאק** הי"ו
ע"י הרה"ח ר' **יצחק זאב ווינשטאק** הי"ו

**אב**
הרה"ח ר' **שאול נח פריעדמאן** הי"ו

**אלול**
הרה"ח ר' **חיים קויפמאן** הי"ו

**תשרי**
הרה"ח ר' **שרגא פייבל האפמאן** הי"ו –
הרה"ח ר' **יושע בירך** ובנו ר' **צבי ווינער** הי"ו

**פרסום הגליון בשבוע זו נתנדב ע"י הנהלת ת"ת נחלת אבות - בודאפעסט הי"ו - בברכת הצלחה וכט"ס**